Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

הײנט 8 זײטען.

AJER FOLKSBLAT

פרײז 20 גראשען

# פֿײער פֿאלקסבלאט

№ 252 | לאדז דאנערשטאג, כז תשרי תר״צ | זיבעטער יאהרגאנג | Łódź, Czwartek 31 października 1929 r. | № 252

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פּיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# הײנט — ערעפענונג פון דער סײם=סעסיע

װ א ר ש א, 30. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) װי מיר האבען שוין מיטגעטײלט, איז בעכטען פארגעקומען די זיצונג פון עקאנאמישען קאמיטעט בײם מיניסטעררראט. די זיצונג האט זיך פארצױגען ביז שפעט אין דער נאכט, און הײנט אינדערפריה האבען זיך װעגען איהר פערשפּרײט סענסאציאנעלע קלאנגען, אז פרעמיער שװיטאלסקי האט אין מיטען פון דער זיצונג פערלאזט דעם פאלאץ, און איז מעהר צו דער זיצונג נישט געקומען, ערקלערנדיג, אז ער איז קראנק, און מען איז דער זיצונג נישט מעהר קײן אנטײלגעהמען.

הײנט אינדערפריה האט דער פרעמיער ארױסגעגעבען א מעלדונג, אז צוליב זײן געזונד־צושטאנד קען ער קײנעם נישט אױפנעמען. ארום 12 א זײגער בײטאג האט זיך פערשפרײט א קלאנג, אז פרעמיער שװיטאלסקי גיט זיך אן אין דימיסיע, אײנס א זײגער איז בעקאנט געװארען, אז מארשאל פילסודסקי האט בעזוכט דעם פרעמיער שװיטאלסקי אין זײן פריװאט װאוינונג. שפעטער איז בעװאוסט געװארען, אז שװיטאלסקי האט באמת גענומען בדעה צו רעזיגנירען, אבער לױט א בפירושען פערלאנג פון מארשאל פילסודסקי, האט ער זײן רעזיגנאציע צוריקגעצױגען.

הײנט װעגען פארגעקומען בעראטונגען פון אלע סײם־קלובען, די קלובען פון „צענטראלעװ“ האבען געהאט ברעה זיך שױן צו בעראטען װעגען דער נײ־געשאפענער לאגע, װעלכע װערט געשאפען דורך דער דימיסיע פון שװיטאלסקי׳ן, נאר ארום 6 א זײגער װען די בעראטונג איז פארגעקומען איז שױן קלאר געװען, אז שװיטאלסקי דעמיסיאנירט נישט.

האלב אײנס א זײגער איז דער סײם־מארשאלעק דאשינסקי אװעקגעפאהרען צום מלוכה־פרעזידענט און װי ער האט פריהער ערקלערט, האט ער געהאט ברעה אױפצוקלערען די לאגע, רערציהלען דעם מלוכה־פרעזידענט װעגען דער סיטואציע אין סײם, און װעגען די בעציהונגען צװישען סײם און רעגירונג, אבער, װי מיר דערװיסען זיך, איז דעם סײם־מארשאלעק דאשינסקי נישט געלונגען צו פיהרען א פאליטישען שמועס. די קאנפערענץ האט בסך־הכל געדױערט א האלבע שעה און נישט, װי די אװענר־צײטונגען טײלען מיט — אנדערהאלבען שעה, און האט זיך געענדיגט מיט גארנישט, װײל זי האט געטראגען א רײן־פריװאטען כאראקטער.

(װײטער זעה 8־טע זײט).

## הוי נפלה עטרת ראשנו!

אחרי מחלה קצרה גוע ויאסף אל עמיו האיש המצוין במדותיו

## נ.ע. שמחה יוסף ב״ר יהודה נחמי׳ ז״ל פערלבערג

שותפה של הפירמה „גוטמאן, קאפעל ופערלבערג“

בשנת החמשים ושש לימי חייו.

הלויתו למנוחת עולמים תהי׳ היום, ביום ה׳, כ״ז תשרי תר״צ בשעה 12 בצהרים מבית האבל נארוטאוויטשא 56.

השרויים בצער עמוק משפחתו המתאבלת.

אונזער בעסטען פרײנד ה׳ דוד פײערמאן

צוליב׳ן פריהצײטיגען טױט פון זײן ליבען פאטער

## נ״ע יעקב

דריקען מיר אױס אונזער װארימסטען מיטגעפיהל און בײלײד.

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבילי ציון וירושלים.

יוסף מארײנע, יוסף שוצמאן,
בערל אבער, משה קליגער,
חיים פאגעל, יעקב הערשענפוס,
אהרן יורקעװיטש, יענקל יורקעװיטש,
יעקב פרעזעס.

עלטסטער פעלשער
**A. Najmark**
פאלודניאװא 38, טעל. 63-46
צוריקגעקעהרט פון װיען
נעהמט אן פון 8—10 פריה און פון 2—4 נאכמ.

דאס צענטראל=באד
פון ה׳ אפּפּענבאך
זאכאדניא 38, טעל. 38=51
מאכט בעקאנט, אז מארגן, פרײטאג,
װעלען די שװיץ בעדער און די װאנעס זײן טעטיג
11336

Dr. med.
**J. Sadokierski**
כטאמאטאלאג
ספעציאל־ארצט פאר מויל־ און קיפער־כירורגיע
צאהנפלײש־קראנקהײטען
רענטגען־דיאגנאסטיק. נעהמט אן פון 3—7.
פּיעטריקאװער 164, טעל. 27-83.

הרינו משתתפים בצערו הגדול של ה״ח
אלחנן שטײנשנײדער
לרגלי האסון שקרהו במות עליו בדמי העלומים בנו
## שמואל נ״ע
בתחית עמנו ובבנין ארצנו ינוחם!
ועד ההסתדרות הציונית בלודז,
הועד של „קרן=היסוד“.

זאל „פילהארמאניע“, נארוטאװיטשא 20.
שבת, דעם 2. נאװעמבער ד. י. 10 פרי קומט פאר
## א טרויער=אקאדעמיע
געװידמעט דעם 1=טן יארצײט פון אונדזער ח׳
## בײניש מיכאלעװיטש
פראגראם: ארױסטריט פון ארקעסטער און כאר בײ דער געזעלש. „קולטור־ליגע“, רעדעס װעגן לעבן און קאמף פון אומפארגעסלעכן חבר װעלן האלטן די ח״ח י. כמורנער (װארשע) און י. ליכטנשטײן.
בילעטן צום פרײז פון 50 גר. ביז 1 גילדן, צו באקומען אין „ארב.־װינקל“, פאלודניאװא 20.
11350

DR. MED.
**A. URYSON**
אינערליכע קראנקהײטען
צוריקגעקעהרט.
נעהמט אן פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.
Konstantynowska 20, telef. 35-85.

אונזער ג׳ פעראײנס־מיטגליד ה׳ שמחה גראנעק און פאמיליע, בעזונדער דער פרוי און קינדער. צוליב׳ן טױט פון זײער אומפערגעסליכען מאן, פאטער און ברודער
## נ״ע גרונם
דריקט אױס דעם טיפסטען מיטגעפיהל און שמערצפולען בײלײד
די פערװאלטונג פון שעכטער־הורטאװניקעס־פעראײן
װי אױך די מיטגלידער פון שטאטישען שחט־הױז

הײנט, דאנערשטאג, 11 א זײגער פארמיטאג צו דער 1־טער שמערצליכער יאהרצײט קומט פאר אױפ׳ן בית החיים די ענטהילונג פון דער מצבה פון
## ר׳ אשר טאטארטשיק ז״ל
װעגען װאס עס טײלען מיט אלע קרובים און בעקאנטע
פרוי און קינדער.
11345

Dr. JACÓB EYCHNER
אינערליכע און קינדער־קראנקהײטען
אל. 1. מאי 16 טעל. 11-24
נעהמט אן פון 7 — 8 אװ.

